שנה ג'
נומער קכ"א
**פרשת טהרה**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



קומענדיגע וואך אי"ה
פארגרעסערטע פסח אויסגאבע
ווארטס מיט שפאנונג

## קרית ברסלב מצה בעקעריי

דעם רבינ'ס נסיעה קיין ארץ ישראל:
**נאפאליאן גייט ארויס אין מלחמה**

מעשה פון א צדיק:
**אין סיביר האבן זיך צוויי חסידות'ער דערהאלטן**



**תלמוד תורה קרית ברסלב
ביים ציון פון הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע**

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידיש שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM

# בריוו
צו די רעדאקציע

## מעשיות פון תפילה אפטיילונג

לכבוד מערכת קרית ברסלב בלעטל.

איך בין איינגעשטאנען ביי מיין שווער אויף שבת, און זיי האבן דארט געהאט דעם אויסגאבע 'קרית ברסלב בלעטל', איך האב דאס אדורך געליינט און זייער הנאה געהאט.

אבער ספעציעל האב איך הנאה געהאט פון דעם אפטיילונג "מעשיות פון תפילה", איך האב אלץ געוויסט אז מען קען בעטן דעם אייבערשטן, אבער נאר ווען איינער איז קראנק און דאס גלייכן, דעמאלטס בעט מען דעם אייבערשטן, אבער סתם אזוי אינעם טאג טעגליכן לעבן בעטן דעם אייבערשטן, דאס איז מיר געווען גאר א גרויסער חידוש, און פון דעם האב איך זייער הנאה געהאט.

און טאקע א טאג נאכדעם האב איך שוין אנגעהויבן צו ניצן די געוואלדיגע עצה פון רעדן צום אייבערשטן, דאס איז געווען ווען איך האב געטראגן מיין קינד צום באס, און איך האב באמערקט פונעם פענסטער אז ער האט זיך געגעבן א גליטש אויס און די באס איז שוין געשטאנען דארט, גלייך האב איך מיך דערמאנט פון בעטן דעם אייבערשטן אויף אידיש, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל זיך נישט האבן שטארק צוקלאפט און ער זאל קענען כאפן די באס, שכח אייבערשטער אז ער האט זיך אויפגעהויבן און די באס האט געווארט אויף אים.

# זמנים
Liberty

פרשת טהרה ח' ניסן תשפ"ב

הדלקת הנרות........ 07:10
מוצאי שבת ........... 08:41
מנחה מערבי פסח . 08:25

| | | |
|---|---|---|
| Fri 08 | 56°/36° | Showers |
| Sat 09 | 49°/34° | AM Showers |
| Sun 10 | 44°/32° | Mostly Cloudy |
| Mon 11 | 59°/41° | Partly Cloudy |
| Tue 12 | 66°/46° | Partly Cloudy |
| Wed 13 | 67°/46° | Partly Cloudy |
| Thu 14 | 63°/46° | AM Showers |
| Fri 15 | 58°/40° | PM Showers |

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אהרן לונגער הי"ו**
**וזוגתו בריינדל תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה שמעון איינהארן הי"ו**
**וזוגתו ליבא תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל.

בס"ד

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

## קרית ברסלב בלעטל

יעדע וואך
ביי אייער
טיר




פאר בלויז
$3.99

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

תוכנ'דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

282 • DESIGN | 845.406.4250

# שטעטל נייעס

## בית התבשיל העלפט ארויס לכבוד יו"ט



דער בארימטער חסד אפאראט פונעם בית התבשיל וואלט זיך באמת פארדינט א ספעציעל לאנגע באריכט, חוץ פון די אלע פעילות וואס דער ציבור האלט מיט ווי מען טוט ארגאניזירן ריזיגע חלוקות פון צייט צו צייט, ווי עס ווערט אויסגעטיילט גאר אסאך נוצבארע ווערטפולע פראדוקטן, ווי ברויט, מילך, אייער, פלייש, פרוכט, מילכיגס און נאך, האבן זיי א באזונדערע ריזיגע און גאר קאסטבארע פראיעקט פון באצאלן גראסערי ארדערס פאר פילע נויטבאדערפטיגע משפחות אויף שבת און יום טוב, וואס דאס געלט ווערט שטילערהייט אריינגעלייגט אין זייער קאנטע, אן דעם וואס איינער זאל אפילו מיטהאלטן.

דער פראיעקט האט שוין אויסגעצאלט אין די לעצטע זעקס חדשים אליינס איבער פופציג טויזנט דאלער אין גראסערי ארדערס, און דאס אלעס ווערט באצאלט בלויז דורך וואוילע דורכשניטליכע פארדינערס און גוטהארציגע אידן וואס ווארפן כסדר אריין אפאר דאלער.

יעצט צום בעפארשטייענדיגן יום טוב פסח דארף דער בית התבשיל דרינגענד באצאלן ארדערס אין גראסערי א סך הכל פון איבער צוואנציג טויזנט דאלער, וואס בית התבשיל וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף צוזאם שטעלן פון נדבנים אזוי ווי אייך, און דערמיט צושטעלן אלע יום טוב'דיגע געברויכן פאר די פילע נויטבאדערפטיגע משפחות.

אויבן אויפ'ן בילד זעהט מען דעם ראש ישיבה ביים איבערגעבן כמעט צען טויזנט דאלער פאר'ן גראסערי אייגנטומער, פאר משפחות אויף יום טוב, וואס דאס געלט איז געווארן צאמגעשטעלט דורך בית התבשיל.

רופט אריין צו ר' שלמה נ"י אויף 845-637-5367 צו קויפן די זכות פון א דורכשניטליכע משפחה יום טוב ארדער פאר $500, אדער די זכות פון א קלענערע משפחה פאר $250.

די זכות פון געבן צדקה און געבן צו עסן פאר אידן אויף יום טוב וועט ביישטיין עס זאל אייך קיינמאל גארנישט פעלן, איר זאלט האבן א פרייליכן יום טוב מיט די גאנצע משפחה, און זוכה זיין צו ווערן געבענטשט פונעם אייבערשטן מיט בני חיי ומזוני רוויחי. אמן.

דא טוהן מיר ציטירן דעם בריוו וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן ספעציעל פאר'ן בית התבשיל.

*בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת תזריע, כ"ז אדר ב', שנת תשפ"ב לפרט קטן*

*לכבוד ...*

*איך בעט אלע אנשי שלומינו, העלפט ארויס דעם "בית התבשיל" וואס שטעלט צו עסן פאר אנשי שלומינו א גאנץ יאר, און אויך פאר יום טוב און פאר פסח.*

*האברך שלמה יאקאבאוויטש נר' יאיר איז געשטעלט אויפ'ן בית התבשיל, און אויך צו העלפן משפחות זאלן קענען איינרישן שבתים און ימים טובים.*

*בזכות דעם וועט איר זוכה זיין צו שפע, ברכה און הצלחה.*

*דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן שוין זוכה זיין צו (פסחים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מיכה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אמן.*

## געוואלדיגע הצלחה ביים מצה בעקעריי




די ברסלב'ע מצה בעקעריי אין שטעטל האט ממש יעצט געעפענט אירע טויערן, און געלויבט דעם אייבערשטן אז עס קומט ארויס גאר גאר גוטע מהודר'דיגע מצות. דאס האט מען געהערט סיי פונעם בעל המכשיר דער חשובער דיין שליט"א, און אזוי אויך איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען באזוכן דעם מצה בעקעריי פארגאנגענעם מיטוואך תזריע און געבאקן דארטן מצות צוזאמען מיטן עולם. דער ראש ישיבה איז ארויס פון דארט מיט גרויס התפעלות, פון דעם געוואלדיגן גוטן סיסטעם וואס איז אהערגעשטעלט געווארן, אז עס זאל ארויס קומען גאר גוטע מצות, סיי אין טעם און סיי אין הידור.

אזוי אויך האט דער ראש ישיבה געשריבן א בריוו ווי ער רומט אויס דעם מצה בעקעריי וואס באשטייט פון ארבעטער'ס וואס רעדן שטענדיג צום אייבערשטן, און דאס איז טאקע ריכטיגע "מיכלא דהימנותא" מצות פון אמונה.

# היכל הקודש נייעס

אמעריקע - ארץ ישראל

## קמחא דפסחא קאמפיין פאר אונזערע מלמדים



אין די יעצטיגע טעג איז איינגעפעדימיט געווארן די יערליכער קמחא דפסחא קאמפיין וואס צילט צו דעקן די געהאלטן פון די געטרייע איבערגעגעבענע מלמדים און טיטשערס אין אונזערע מוסדות, אז די ערליך פארדינטע געהאלט פון אלע איינגעשטעלטע זאלן זיין אויסגעצאלט ביז פסח.

די פינאנציעלע מצב פון די הייליגע מוסדות איז יעצט זייער שווער. מען איז שוין שולדיג שווערע צענדליגע טויזנטער דאלערס פאר דריי איינגעשטעלטע פון פיר תלמוד תורה'ס, און דריי מיידל שולעס.

געלויבט דעם אייבערשטן, אז מען האט זוכה געווען צו עפענען אין די לעצטע יאר נאך עטליכע סניפים פון די מסדות אין עטליכע שטעט וואס גייט אן ברוך השם מיט גרויס הצלחה, וואס האט אבער פון די אנדערע זייט צוגעלייגט גאר אסאך פרישע הוצאות, וואס די הנהלת המוסדות פלאגן זיך יעדן טאג צו טרעפן פון וואו צו דעקן דעם שטארק פארגרעסערטן דעפעציט.

אין די יעצטיגע ערב פסח צייט, שפירן אנשי שלומינו פאר וויכטיג ארויסצווייזן הכרת הטוב און שטיצע פאר די חשובע מלמדים און איינגעשטעלטע וועלכע געבן זיך איבער בלב ונפש פאר אונזערע קינדער במשך די גאנצע יאר, זיי לייגן אריין זייער הארץ און נשמה אין די טייערע קינדערלעך, און טוען אלעס וואס זיי קענען אז זיי זאלן אויסוואקסן מיט א ריינע אמונה, און פילן אן די קעפעלעך מיט תורה און יראת שמים. דאס אלעס טוען זיי אן דערנידערן אדער פארשעמען חס ושלום, נאר גיין אויפן אויסגעטרעטענעם וועג וואס מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערענט, מען בויעט אויף די קינדער, און אזוי לייגט מען אריין אין זיי א ליבשאפט צום אייבערשטן, צו די תורה, און צו די מצוות.

יעצט ווען עס קומט דער פריילליכער יום טוב פסח, איז אונזער פליכט צו טון וואס מיר קענען אז זיי זאלן זיך נישט דארפן מוטשען צו קענען איינקויפן אלעס וואס עס פעלט זיך אויס לכבוד יום טוב.

אין די לעצטערע יארן איז דער קאמפיין ברוך השם געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע הצלחה, אנשי שלומינו האבן זיך זייער ווארעם אנגערופן מיט גרעסערע סכומים, און מען האט געקענט אויסצאלן אלע איינגעשטעלטע פאר פסח און זיי פארשאפט א שמחת יום טוב.

מיט אייער ווארימע נדבה וועלן די פילע משפחות אויך הייר יאר קענען אריינברענגען דעם יום טוב בעזרת השם יתברך מיט הרחבת הדעת. און איר וועט זיין א גלייכע שותף אין די הייליגע ארבעט.

אין א בריוו צוויי וואכן צוריק שרייבט דער ראש ישיבה:

*איך בעט דעם אייבערשטן ער זאל מיר ווייטער העלפן איך זאל קענען גיין צום סדר נאכט האבנדיג געצאלט אלע מלמדים און טיטשערס. די לאסט, די עול - ווערט גאר מערער, עס ליגט אויף מיר היינטיגע טאג צו באצאלן מלמדים פון פיר תלמוד תורה'ס, ליבערטי, וויליאמסבורג, קרית יואל און ירושלים, און דריי מיידל שולעס, ליבערטי, וויליאמסבורג און קרית יואל. איך גלייב אז דער אייבערשטער וועט מיך נישט פארלאזן, ער וועט מיר העלפן און מיר געבן כח אנצוגיין מיט די ארבעט.*

*שטארק זיך, זיי ממשיך מיט דיין עבודת הקודש פון מחנך זיין אידישע קינדער. נישטא קיין גרעסערע און הייליגערע זאך ביים אייבערשטן ווי צוריקברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן.*

*איך האב געזען א ווארט פון ר' חיי'ל פון ליובאוויטש זכותו יגן עלינו, די תורה הייבט זיך אן מיט די מצוה פון פרי' ורבי', זאל זיך די הייליגע תורה אנהייבן מיט עפעס הייליגע זאכן, וואס עפעס הייבט זיך עס אן מיט אזא מצוה פון פרי' ורבי'? נאר דאס געבט אונז צו פארשטיין וואס איז די הייליגסטע זאך ביים אייבערשטן 'ברענגען נאך א איד צום אייבערשטן'; ביסט א איד - מאך נאך א איד.*

*א פריליכן כשר'ן יום טוב.*

רופט אריין צו געבן אייער ברייטהארציגע נדבה 718-384-1652 / 0 און לאזט איבער א מעסעדזש, אדער קענט איר טעקסטן צו 917-578-0495.



# מעשיות פון תפילה

שכח אייבערשטער, גלייך נאכ'ן ענדיגן די תפילה האב איך מצליח געווען ארויפצופארן די דרייווע'י גרינגערהייט.

## יעקב משה אינדארסקי - קרית ברסלב:

א) פארגאנגענעם יום טוב פורים נאכמיטאג בשעת'ן טאנצן אין בית המדרש גאר לעבעדיג צוזאמען מיט אנשי שלומינו, זיך פרייענדיג מיט דעם אז מיר זענען אידן און בפרט אז מיר זענען מקורב צו אזא גרויסן רבי'ן - בין איך אראפגעפאלן אויפן פנים און זיך גאר שטארק צוקלאפט, ס'האט גאר שטארק וויי געטאן און ס'האט אויסגעזען ווי ס'וועט ווערן שטארק אויפגעשוואלן.

איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל זיך שנעל אויסהיילן און נישט ווערן אויפגעשוואלן. איך האב זיך אראפגעלייגט שלאפן, דעם קומענדיגן טאג בין איך אויפגעשטאנען און שכח אייבערשטער אז צוביסלעך איז די גאנצע ווייטאג אוועקגעגאנגען און ס'איז נישט געווארן אויפגעשוואלן.

ב) איין טאג האט איך זיך גאר שטארק צוקלאפט די פיס, ס'האט אויסגעזען אז ס'וועט נישט אזוי שנעל זיך אויסהיילן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל זיך שנעל אויסהיילן, שכח אייבערשטער אז נאך אפאר טעג איז נישט געווען קיין זכר פונעם קלאפ. שכח אייבערשטער.

## שלמה קרויס - מאנסי:

איך בין געווען אין שטעטל פארלאפענעם שבת שקלים, ווען איך בין אנגעקומען אין שטעטל און געוואלט פארן צו מיין אכסניא האב איך פרובירט ארויפצופארן די דרייווע'י צום הויז אבער ס'איז געווען גאר גליטשיג און איך האב נישט געקענט ארויפפארן.

איך האב זיך באלד דערמאנט אין די גרינגע עצה פון 'תפילה' און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען ארויפפארן, איך האב צוגעזאגט פאר'ן אייבערשטן אז איך וועל מפרסם זיין די מעשה אין די 'בלעטל'.

## עזרא בוים - קרית ברסלב:

ווי אלע האבן מיטגעהאלטן איז פארגעקומען אפאר וואכן צוריק, א הערליכער שבת התוועדות פאר אלע אנשי שלומינו צוזאמען אין ארמון האטעל.

איך און מיין משפחה האבן זייער שטארק געוואלט מיטהאלטן דעם שבת, אבער עס האט נישט אויסגעזעהן אז דאס וועט צושטאנד קומען, ווייל איך האב ברוך השם א שטוב מיט קינדער, וואס לכבוד דעם דארף איך האבן אפאר שטובער, און דאס קאסט אסאך געלט, אבער מיינע קינדער האבן זייער שטארק געוואלט גיין.

איך האב זיי געזאגט: "יעדער איינער זאל יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן א געוויסע סכום פון תפילות אז מען זאל פארן אויף שבת צו די האטעל, און דער אייבערשטער וועט העלפן".

אזוי האבן זיי געטוהן, זיי האבן יעדן טאג געבעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער העלף אז אונזער משפחה זאל קענען פארן צום שבת התוועדות און מיטהאלטן דעם גאנצן שבת און הנאה האבן".

עס איז געקומען נענטער צום שבת און עס האט נישט אויסגעזעהן אז זאכן גייען זיך טוישן, אבער תפילה איז שטערקער פון אלעס, ממש א טאג צווויי פארן שבת קלינגט מיר איינער אן און ער זאגט מיר ער האט געלט פאר מיר צו קענען פארן אויף שבת, איך דארף נאר צאלן עפעס א קליינעם סכום, און דאס האב איך ברוך השם יא געהאט.

שכח אייבערשטער פארן אונז העלפן אזוי שיין יעדן מאל ווען מען בעט פון די'ר.

סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

צוּם אַלֶעם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי בֶּעטְן אוּן קָאוּטְשׁ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשָׁאנְקֶען אַ מַתָּנָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בַּאצָאלְן בְּכִפְלֵי כִּפְלַיִם.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; שְׁטַארְקְט אַייךְ צוּזַאמֶען מִיט דִי נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט עֶנְק. מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ **טַאנְצְן יֶעדְן טָאג אִין שְׁטוּב** מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה נִיגוּנִים פוּן הוֹדָאָה, וִוי צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "**טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו**", אָדֶער: "**יוֹדוּ לַה' חַסְדּוֹ**", אָדֶער: "**הַכֹּל יוֹדוּךְ**"; נִיגוּנִים וָואס שְׁרֵייעֶן אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, לֶעבְּט עֶר שׁוֹין יֶעצְט אוֹיף דִי וֶועלְט אִין "גַן עֵדֶן"; אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "**וִימֵי הוֹדָאָה זֶה בְּחִינַת שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא**", וֶוער עֶס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁפִּירְט דֶעם עוֹלָם הַבָּא, "כִּי כָּל מַה שֶׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר", וַוייל וִוי מֶער מֶען אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "**סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר**", אַלְץ נֶענְטֶער אִיז מֶען צוּ אִים.

אִיךְ וִויל אַז דַיין מִצְוָה אִין שְׁטֶעטְל זָאל זַיין הַכְנָסַת אוֹרְחִים; יֶעדְן שַׁבָּת זָאלְסְטוּ קוּקְן אִין שׁוּל אוֹיבּ עֶס אִיז דָא גֶעסְט אוּן זֵיי מְסַדֵר זַיין בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן הָאבְּן וואו צוּ עֶסְן, בִּפְרַט דִי בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען מִזְמַן לִזְמַן זָאלְן הָאבְּן וואו צוּ עֶסְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער.

***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

מָרַת ... תִּחְיֶ',

אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג אִין אָפִּיס; אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען דַארְף. אוֹיבּ דַארְף מֶען מְסַדֵר זַיין זַאכְן, מֶען דַארְף מַיין הִילְף - זַייטְס מִיר מוֹדִיעַ, וַוייל פַאר מִיר אִיז אַ זְכוּת יֶעדְן טָאג וָואס מֶען קֶען נָאךְ מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט פַאר זִיךְ, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען אַוֶועק צוּ לֵייגְן פַאר זִיךְ, קוֹיפְן פַאר זִיךְ אוּן בּוֹיעֶן פַאר זִיךְ; אַ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי, וַוייל פְּלוּצְלִינְג אִינְמִיטְן בּוֹיעֶן, קוֹיפְן, מַאכְן, טוּן - קוּמְט דִי צַייט וָואס **מֶען דַארְף אַלֶעס אִיבֶּערְלָאזְן דָא פַאר פְרֶעמְדֶע** אוּן 'מֶען גֵייט, מֶען גֵייט'... אַזוֹי פַּאסִירְט מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ.

וֶוען מֶען הָאט דִי זְכִיָ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטְס, בִּפְרַט **אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה**, מוֹסְדוֹת וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה, מוֹסְדוֹת וָואס וַוייזְן אַ וֶועג פַאר אַנְדֶערֶע וִוי צוּ לֶערְנֶען, מוֹסְדוֹת וָואס זָאגְן אַז עֶס אִיז יָא דָא אַ וֶועג צוּ לֶעבְן מַאן אוּן וַוייבּ בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה - דָאס בְּלַייבְּט, **דָאס נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### זינגען זמירות

אין די זומער וואכן ווען די בחורים ווילן אין קעמפ זינגט דער ראש ישיבה שליט"א מיט די בחורים פרייטאג צונאכט'ס פאר קידוש די זמירות וואס מען זינגט פאר קידוש, שלום עליכם, רבון כל העולמים, און אזוי ווייטער, זאגט דער ראש ישיבה שליט"א יעדע וואך נאכאמאל: "בחורים **קומט זינגען זמירות שבת**, אויב עטס ווילטס ענקערע קינדער זאלן בלייבן אידן מוז מען זינגען זמירות שבת, א שטוב וואו מען מאכט נישט קיין שבת'דיגע סעודה מיט זמירות שבת וועלן די קינדער נישט בלייבן ביי אידישקייט".

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "צו זינגען ביי א חתונה אדער א מסיבה דארף מען 'קענען' זינגען, אבער צו זינגען ביי זיך אינדערהיים זמירות שבת דארף מען גארנישט קענען, **אפילו איינער קען נישט זינגען האט דאס אלע טעמים**".

דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: "איך האב אמאל געגעסן א שבת סעודה ביי א ברסלב'ער חסיד, ער האט נישט געקענט זינגען, אלע זמירות האט ער אפגעזינגען אויפ'ן זעלבן ניגון... אבער דאס האט געהאט אלע טעמים"...

דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט דאס אונז צו מעורר זיין איבער די וויכטיגקייט פון זינגען זמירות שבת, ווייל דאס איז אן עיקר אין חסידות ברסלב, ווייל דער רבי האט אונז אסאך געווארנט מען זאל זינגען זמירות שבת (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סימן ק"ד, שיחות הר"ן סימן קנ"ה).

אמאל ביי שלש סעודות ווען מען האט געזינגען זמירות האט דער ראש ישיבה שליט"א באמערקט ווי איינער זיצט פון אונטן און זינגט נישט מיט, יענער איז געזעסן מיט א ספר און געלערנט, האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן צו אים: "**פארוואס זיצסטו אזוי פון אונטן?** דו זאלסט וויסן אז ווער עס זעצט זיך פון אונטן דא אויף דעם וועלט, וועט אויבן אין הימל אויך זיין פון אונטן. אז מען נעמט זיך צאם צו זינגען זמירות טאר מען זיך נישט אפטיילן פונעם גאנצן עולם, נאר זיך זעצן צוזאמען מיט'ן עולם און מיטזינגען".



# א מעשה
## פון א צדיק

### הִתְבּוֹדְדוּת אִין סִיבִּיר

אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ מִ'מַאכְנוּבְקָא זי"ע, וָואס עֶר אִיז אַפָּאר יָאר גֶעוֶוען אִין סִיבִּיר, צוּפִּיל הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרְבֶּעטְן, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן מֶען הָאט אִים גֶעלָאזְט זַיין דָארְטְן אִין אַ קְלֵיין הַייזְקֶעלֶע, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ אוֹיסְגֶעבֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶר הָאט נִישְׁט דָא קַיין מִנְיָן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, אַז מֶען הָאט גֶעלָאזְט זַיין וַוייבּ אַהִין קוּמֶען, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶער חֶסֶד.

נָאכְדֶעם וֶוען מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דָארְט מִיט אַסַאךְ גֶעלְט אוּן פְּרָאטֶעקְצִיֶע, אוּן מֶען הָאט זֵיי בֵּיידֶע גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק, אוּן אַ עוֹלָם אִיז גֶעקוּמֶען קוּקֶען דֶעם נֵייעֶם רֶבִּין, הָאבְן זֵיי גֶעזֶעהְן אַן אִינְטֶערְסַאנְטֶע זַאךְ! אַז פַּארְן דַאוֶונֶען בַּיי דִי בְּרָכוֹת גֵייט עֶר צוּ צוּם וַוייבֶּער שׁוּהְל, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זָאגְן בְּרָכוֹת, אוּן דִי רֶעבִּיצִין עֶנְטְפֶערְט אָמֵן, נָאכְדֶעם זָאגְט זִי דִי בְּרָכוֹת, אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט אָמֵן!

אִיז גֶעוֶוען פוּן זַיינֶע נָאנְטֶע וָואס זֵיי הָאבְן אִים פְּרוּבִּירְט מַסְבִּיר צוּ זַיין אז עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַּארְן רֶבִּי'ן אַזַא הַנְהָגָה! הָאט עֶר גֶעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ הָאבּ יָארְן גֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין אָמֵן, אוּן קַיין בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ, בִּיז אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶע'פּוֹעֵל'ט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן, אוּן מִיט נִיסִים מַמָשׁ הָאט מֶען גֶעלָאזְט מַיין רֶעבֶּעצִין אַהִינְקוּמֶען וואוֹינֶען אִין סִיבִּיר אִין עֶפֶּעס אַ כַּאטְקֶעלֶע, וָואס דוּרְכְדֶעם הָאבּ אִיךְ כָּאטְשׁ פוּן דֶעמָאלְטְס גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ דָארְט אַזוֹי אַיינְגֶעפִירְט, אַז וֶוען דִי רֶעבִּיצִין הָאט גֶעזָאגְט בְּרָכוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אָמֵן, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט בְּרָכוֹת, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט אָמֵן, אוּן יֶעצְט וַוייל מֶענְטְשְׁן קוּקְן אוּן לַאכְן, זָאל אִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי הַנְהָגָה?!

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַמָאל, אוּן גֶעזָאגְט: אִין סִיבִּיר הָאבְן זִיךְ צְוֵויי חַסִידוּתֶ'ער דֶערְהַאלְטְן, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ, בְּרֶסְלְבֶ'ער חֲסִידִים, מִיט לִיוּבַּאוִויטְשֶׁ'ער חֲסִידִים. דָאס הָאט מֶען טַאקֶע גֶעזֶעהְן בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען נֶעבֶּעךְ פַּארְשִׁיקְט אִין וַוייטְן קַאלְטְן סִיבִּיר, דָאךְ וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְן גֶעהַאט דֶעם דִיבּוּר הָאבְן זֵיי זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ר' נָטֶע גוּרֶעלִיק, עֶר אִיז קוֹדֶם גֶעוֶוען אַ חַבַּ"ד'סְקֶער בָּחוּר, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גוּטֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, עֶר הָאט גֶעקֶענְט 'סֵפֶר הַתַּנְיָא' אוֹיף אוֹיסֶעוֵוייניג, אוּן עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ אוּנְזֶערֶע לַייט אִין אוּמַאן, עֶר פְלֶעגְט דָארְט זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיוּן, אוּן מֶען הָאט אִים נֶעבֶּעךְ גֶעכַאפְּט אוּן פַּארְשִׁיקְט אוֹיף סִיבִּיר, אָבֶער וִויבַּאלְד עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוִויסְט פוּן דֶעם סוֹד פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט פַּארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אֲפִילוּ דֶעמָאלְטְס אוֹיךְ נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, אַז עֶר הָאט מוֹצֵא חֵן גֶעוֶוען בַּיי דִי רְשָׁעִים, אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע זַאךְ אַז מֶען הָאט אוֹיף אִים רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, אַז מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְן אַרְבֶּעט אִינֶעוֵוינִיג, בַּיי זֵייעֶרֶע אָפִּיסֶע"ס, אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען הָאלְץ אוּן אָנְהֵייצְן, בְּרֶענְגֶען וַואסֶער אוּן דָאס אָפְּקָאכְן צוּ מַאכְן טֵיי, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע יְשׁוּעָה, אַז עֶר דַארְף נִישְׁט גֶעפְרוֹירְן וֶוערְן אַרְבֶּעטֶענְדִיג אִין דִי וֶועלְדֶער.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה



# דעם רבי'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 28

**פארזעצונג פון פריער:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן טְבֶרְיָה, בַּיים אַנְטְלוֹיפְן אִיז עֶר אַרַיין אִין אַ הֵייל וָואס פִּירְט בִּיז צוּם מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, וֶוען עֶר אִיז אָנְקוּמֶען צוּם מוֹיעֶר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעזֶען קַיין שׁוּם טוֹיעֶר אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּנֶעם מוֹיעֶר, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אוֹיפְ'ן מוֹיעֶר אוּן אִיבֶּערְקְרִיכְן צוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אַרוֹיס פוּנֶעם שְׁטָאט.

...

וֶוען עֶר אִיז אָבֶּער אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אוֹיפְ'ן מוֹיעֶר אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז דֶער יַם אִיז אוּנְטֶער אִים. אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַזוֹי הֶענְגֶען אוֹיף דִי הֶענְט אוּן דִי פִּיס אוֹיפְ'ן מוֹיעֶר, אִין דִי צַייט וָואס אוּנְטֶער אִים אִיז דֶער יַם.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיפְקְרִיכְן דֶעם מוֹיעֶר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מַמָּשׁ אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט גֶעפִוּנְט זִיךְ דֶער כִּנֶּרֶת, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען פָּשׁוּט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעטְרָאפְן הֶענְגֶען אוֹיפְ'ן מוֹיעֶר הֶעכֶערְן יַם, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן. אוֹיב לָאזְט עֶר זִיךְ אָפּ פַאלְט עֶר אַרַיין גְלַייךְ אִין יַם אַרַיין, אוּן צוּרִיק אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהָאנְגֶען אוֹיף אַרָאפּ אוּן סְ'אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּרִיק אַרוֹיפְצוּשְׁלֶעפְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען זַיין פַּאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַלֶע יָארְן, צוּ בֶּעטְן אוּן צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט אִים אַ נֵס אַז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן דָארְט בְּשָׁלוֹם בְּדֶרֶךְ נֵס.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶענְדִיג מִיט דֶעם וִוי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּירְט, אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ הֶענְגְט פוּן אוֹיבְן אוֹיף אַ הָאר הֶעכֶער אַ יַם, אוּן עֶר פַאלְט כִּמְעַט אַרַיין אִין וַואסֶער אוּן וֶוערְט דֶערְטְרָאנְקֶען חַס וְשָׁלוֹם, וָואס דֶעמָאלְט וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ זִיכֶער גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן טִיפְן הַארְץ, אָן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן טְבֶרְיָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט קַיין צְפַת וואוּ עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג, בִּיז וֶוען מְ'הָאט גֶעהֶערְט אַז דִי פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע מִילִיטֶער גֵייט אָנְקוּמֶען בְּקָרוֹב קַיין עַכּוֹ, אוּן זֵיי גֵייעֶן אַיינְנֶעמֶען דִי שְׁטָאט.

ז' אֲדָר ב', דָאנֶערְשְׁטָאג, הָאט נַאפָּאלְיָאן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט זַיין מִילִיטֶער פוּן יַפוֹ, אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין עַכּוֹ, אַיינְצוּנֶעמֶען דִי שְׁטָאט. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שָׁלִיחַ קַיין עַכּוֹ, צוּ דִינְגֶען פַאר אִים אַ שִׁיף פוּן רֶעגַאז, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶע לֶענְדֶער, צוּ קֶענֶען אַהֵיימְפָארְן מִיט זֵייעֶר'ס אַ שִׁיף.

דֶער לַאנְד רֶעגַאז [הַיינְט אִיז עֶס רַאגוּזָא, וָואס אִיז אַ טֵייל פוּן דִי סִיצִילְיֶע אִינְזְל] הָאט זִיךְ דַאן גֶעהַאלְטְן אִין גוּטְן מִיט אַלֶע לֶענְדֶער, אוּן דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַז וֶוען דִי קְרִיגְ'ס שִׁיפְן זֶענֶען גֶעפָארְן אוֹיפְ'ן יַם, פְלֶעגְן זֵיי כַאפְּן אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ אוֹיךְ צִיוִוילֶע שִׁיפְן פוּן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶערוֹיף. וֶוען דִי שִׁיפְן פוּן רֶעגַאז הָאבְּן אָבֶּער אַרוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט זֵייעֶר פָאן אוֹיפְ'ן שִׁיף, הָאט מֶען זֵיי נִישְׁט גֶעכַאפְּט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשִׁיקְט דִינְגֶען אַ פְּלַאץ אוֹיף אַזַא שִׁיף פוּן רֶעגַאז. דֶער שָׁלִיחַ אִיז טַאקֶע אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעקוֹיפְט אַ בִּילֶעט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוֹיף אַ שִׁיף פוּן רֶעגַאז.



די שטאט עכו היינטיגע צייטן

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי וִויל שׁוֹין אַהֵיימְפָארְן, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעדִינְגֶען אַ שִׁיף, הָאט עֶר שְׁנֶעל גֶעשִׁיקְט צוּם רֶבִּי'ן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שָׁלִיחַ מִיט זַיין בְּרִיוו, אוּן אוֹיךְ אַ כְּלָלִיּוֹת'דִיגֶער בְּרִיוו. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעאַיילְט צוּ פָארְן קַיין עַכּוֹ צוּם שִׁיף, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וַוארְטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן בְּרִיוו פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְׁפִּיטִיוְוקָא זי"ע.

פ א ר ז ע צ ו נ ג  ק ו מ ע נ ד י ג ע  ו ו א ך  א י " ה




# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרַ"שׁ זי"ע

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר,

מִי שֶׁגְּמָלְךָ כָּל טוֹב הוּא יִגְמָלְךָ כָּל טוֹב סֶלָה! הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ אַז דוּ שְׁפִּירְסְט שׁוֹין גוּט, דוּ בִּיסְט צוּרִיק גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק **בִּזְכוּת דִי אַלֶעס חֲסָדִים**; דִי צְדָקָה אוּן גְמִילוּת חֶסֶד וָואס דוּ טוּסְט טָאג אוּן נַאכְט.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר'ן זָארְגְן פַאר מִיר אוּן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוֹיף קִמְחָא דְפִסְחָא, אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶסְן; דִי פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ, אֵייעֶר אוּן וַויין וְכוּ', וְכוּ'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב): **פִּזַּר נָתַן לָאֶבְיוֹנִים** אִיז אַ סְגוּלָה פַאר חוֹלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר אַלֶע מַחְלוֹת ה' יְרַחֵם.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט'ן הֶעלְפְן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ הָאבְן **אַ רְפוּאָה אוֹיף דִי פוּס**, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צְדָקָה, חֵלֶק ב', סִימָן א): אַז דָאס אִיז אַ רְפוּאָה פַאר חוֹלִי כְּאֵב רַגְלַיִם, פוּס וֵוייטָאג.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

**דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

## א מעשה פון הפצה

**יואל טייטלבוים פארציילט:**

איין דאנערשטאג נאכט נאך דעם וועכנטליכן שיעור פונעם ראש ישיבה אין ישיבה קומט צו מיר א איד און פרעגט מיר: "דו הייסט יואל טייטלבוים?" זאג איך אים "יא" פרעגט ער מיר: "דיין טאכטער איז געווען אין אשת חיל קימפעטארן היים דעמאלטס און דעמאלטס?" זאג איך אים: "יא, פארוואס פרעגסטו?" זאגט ער: "איך קום דיר מיין לעבן!".

פארציילט ער מיר די מעשה: "מיין ווייב איז אויך געווען דעמאלטס אין אשת חיל נאכן האבן א קינד, ווען איין טאג האט זי געטראפן דארט ליגן א 'קרית ברסלב בלעטל' וואס דיין טאכטער האט איבערגעלאזט בטעות (אדער בדווקא) און זי האט עס געליינט פון דעקל צו דעקל פארגאפטערהייט".

זי האט זיך נישט געקענט גענוג אפוואונדערן פון דעם אויסגאבע, זי האט נאך קיינמאל בעפאר נישט געזעהן אזא אינטערסאנטע אויסגאבע, וואס רעדט אזוי פשוט און אפן פונעם אייבערשטן, אזוי שיין ארויסברענגענדיג אז אידישקייט איז זיס און געשמאק, זי האט עס מיר פארציילט און מיר אויך געגעבן צו ליינען, און איך האב געמוזט מודה זיין אז זי איז גערעכט און דאס איז טאקע א חידוש וואס איך האב נישט געזעהן פאר דעם".

דער איד ענדיגט די מעשה "אין די איבריגע איז היסטאריע, מיר האבן אנגעהויבן לעבן ווי קיינמאל בעפאר, מיר האבן באקומען די שיינע עצות ווי שמחה, אמונה, נישט געפעלן פאר יענעם און אזוי ווייטער".

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email:subscribe@kerenhadfusa.org

קאלל, טעקסט, וואטסעפפ: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## וואס נאך טוט זיך יעצט אינערהאלב דעם בית הדפוס?




דער אלעמען באקאנטער קרן הדפסה היכל הקודש גייט ווייטער אן מיט זייער הייליגע ציל פון דרוקן און פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים. פילע ספרים ווערן כסדר געדרוקט מיט די גאנצע פלייס, און אידן פון איבער די גאנצע וועלט צוכאפן עס און זענען זיך מחיה מיט די אלע הייליגע ספרים. לעצטענס זענען געדרוקט געווארן פילע נייעס ספרים וואס זענען שוין נישט געווען צו באקומען פאר א לאנגע צייט, און עס איז געווען א גרויסע פארלאנג עס ווידער צו דרוקן.

יעצט גרייט מען זיך שוין צום יום פסח, מיטן איבערדרוקן דעם הגדה של פסח אור זרוע אידיש, און אויף לשון הקודש, אזוי אויך זענען ארויס לאור עולם נאך פילע שיינע ספרים פול מיט אמונה, חיזוק און עצות, צוםביישפיל די ספרים פארליר זיך נישט, "א אידישע שטוב", "אוצר האמונה", "קדושת ישראל", "א גוטע וואך", "א נייע וועלט", "קלאפ זיך נישט אראפ", און נאך פילע ספרים.

אזוי אויך האט מען יעצט איינגעקויפט א פרישע מאשין צו קענען מאכן קאפי'ס פון י"ו ע"ס בי"ס, וואס האט אין זיך פילע ניגונים און דרשות, אזוי אויך ווערט יעצט געמאכט פילע קאפיס פונעם נייעם סידי "איך דארף נישט קיינעם".

די אלע ספרים זענען דא צו באקומען ביים קרן הדפסה היכל הקודש, ביי די מפיצים, אזוי אויך קען מען עס קויפן אויפן ברסלב סענטער געשעפט, וואס שיקט כסדר ארויס פילע ארדערס איבער די גאנצע וועלט פון ספרים און קונטרסים פונעם הייליגן קוואל פון הייליגן רבי'ן.

# בילדער פון קרן הדפסה



נייער בית הדפוס עצתו אמונה אין שטאט יבנאל עיר ברסלב



המפיץ ר' דוד יעקב יאקאבאוויטש הי"ו ביים איבערגעבן ביי מוהרא"ש'ס ציון, א פרישן ספר ארויס פון דרוק אין ארץ ישראל



דער ראש ישיבה באטראכט הפצה סענטער אין היכל הקודש בני ברק ביי די באזוך אין ארץ ישראל פרשת שמיני תשפ"ב

## אלה יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| העניך אינדיג<br>קרית ברסלב | שמשון הערש טייטלבוים<br>קרית ברסלב | מנחם שטיינבערג<br>קרית ברסלב |
| אברהם דאנציגער<br>טאהש | יעקב דוב כהן<br>קרית יואל | מעכיל ראטה<br>מאנסי |
| לוי יצחק ווערטיימער<br>קרית יואל | עלי מזרחי<br>וויליאמסבורג | אשר לעווי<br>דזערזי סיטי |
| שמעון זיגלער<br>מאנסי | יחזקאל שרגא קרויס<br>בארא פארק | הערשל שניצלער<br>קרית ברסלב |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email: donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 518.966.2370

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער

די שמחה פון פסח　די קדושה פון פסח
די דערהויבענקייט פון פסח　די פסח אליין

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ג | ד | ע | ג | פ | ל | ש | ר | ל | פ | ו | ו | ת | א | ר | כ | ה | ל | א | ט | נ | ש | ה | ב | ש | צ | ז | ס | צ |
| י | ת | ד | ו | מ | ס | מ | ד | ש | ס | ל | ס | ט | ו | ש | ת | ז | צ | ז | צ | ס | ו | כ | ע | ע | א | פ | פ | ה |
| ב | ג | נ | א | ו | צ | ח | ד | י | ח | ש | ז | ש | ג | א | ד | ח | ל | ד | ב | ו | פ | ס | ח | פ | ק | ר | ס | ה |
| ח | נ | ג | י | ר | א | ה | ז | ה | ש | ת | ט | ס | כ | י | פ | ה | ז | ע | ע | ב | כ | ק | ר | נ | ז | ק | ג | ח |
| א | ד | ש | ד | ד | ז | פ | א | פ | ש | ל | ל | י | ר | ר | ד | פ | ר | ר | א | י | ד | צ | ב | ר | פ | כ | ס | צ |
| מ | ו | ו | נ | א | נ | ט | ע | ל | ל | ה | ק | ב | כ | ע | ל | ע | ת | ה | ב | נ | ה | ב | ב | צ | ת | ד | ח | נ |
| פ | א | ד | ה | כ | ק | ת | פ | צ | ש | ד | ת | ג | ר | ל | ב | ח | פ | ו | ז | ס | פ | נ | ר | פ | ט | א | ס | י |
| פ | נ | א | ר | כ | ש | י | ל | ו | ר | ז | ל | פ | א | ר | ו | ג | צ | י | פ | צ | ה | נ | ת | ח | ב | ב | פ | ט |
| ת | ט | ב | כ | מ | ט | ז | ד | ל | נ | מ | ב | כ | ש | כ | י | ה | כ | ב | ג | צ | א | ל | ב | נ | ח | י | ר | ג |
| מ | ל | מ | צ | מ | י | ק | צ | ח | ו | א | פ | ל | כ | כ | נ | ד | נ | ע | י | י | ח | ק | מ | נ | נ | פ | צ | ד |
| ס | ו | ו | י | ע | נ | כ | ה | ח | פ | ו | א | ז | צ | כ | ק | נ | ה | נ | ס | ר | י | כ | כ | ה | ט | נ | י | מ |
| נ | ד | ד | ר | ל | פ | ל | מ | ד | נ | א | צ | ת | ה | י | ט | ל | ק | ק | נ | נ | ר | ב | ס | ש | ח | ח | ל | ט |
| ס | א | ע | ד | ר | כ | ק | ק | ד | ר | ב | ת | ג | ו | א | ח | ח | מ | י | ג | ג | ו | פ | ר | ע | ש | ט | י | ס |
| צ | ט | פ | ד | י | ל | ז | צ | ע | ת | ב | ס | ב | ת | ו | ד | ב | י | י | ו | כ | כ | ע | ר | ק | ד | י | י | ל |
| ע | ע | ל | ס | ל | ח | ח | ב | א | ז | ז | ב | ש | ש | ל | ל | ל | ה | ט | א | ו | ט | ע | צ | ח | י | כ | נ | ת |
| כ | מ | ה | נ | ס | ת | ד | ח | ו | ע | ז | ת | ק | ש | ר | א | ו | ו | ק | ק | פ | ק | ט | כ | י | ק | פ | כ | ז |

העלף
נחמן
נתן
אנקומען
צו די
מצות!







## א
## שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**כ.** הָאֱמֶת הִיא פּוֹדָה מִכָּל הַצָּרוֹת.

**טייטש.** דֶער אֱמֶת לֵייזְט אוֹיס פוּן אַלֶע צָרוֹת.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | 3 |
| | 3 | | | 5 | 2 |
| 1 | | 6 | | | |
| | | 2 | | | |
| | | | | | 5 |
| | | 1 | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 6 | | 1 | 2 | | | 7 | 4 | 8 |
| 5 | 7 | 4 | | | 8 | | 3 | |
| 3 | | | | 9 | | | 6 | 1 |
| | 4 | | | 1 | | | | 7 |
| | | 7 | 8 | | 9 | 4 | | |
| 8 | | | | 7 | | | 9 | |
| 1 | 8 | | | 4 | | | | 3 |
| | 5 | | 9 | | | 6 | 2 | 4 |
| 4 | 6 | 9 | | | 3 | 1 | | 5 |



## חידות
### אפטיילונג

**רבי נתן האט געזאגט: אויף פסח וועט זיין, אבער וואו נעמט מען**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. די שמחה פון פסח
ב. די קדושה פון פסח
ג. די דערהויבענקייט פון פסח
ד. די פסח אליין

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:*

*שאלה:* **דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן "נחמן נתן"**

*ענטפער:* לאכט פון דער וועלט

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**אליעזר שלמה אינדארסקי נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# טרעף 10 חילוקים צ

דער ראש ישיבה ביים ארון ק



## צווישן די צוויי בילדער

קודש אין ביתמדרש אין יבנאל



# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת תזריע?

## פון ראכטס צו לינקס.

3. טראכט פונעם _____, וועסטו ווערן פרייליך
7. דורך שמעקן _____ שבת איז מען זוכה צו קינדער תלמידי חכמים
8. ווי קען זיין א קינד זאל זיך פארלירן און _____ פאר די עלטערן
9. בעטס דעם אייבערשטן פונקטליך וואס איר דארפט, וועט איר זען גרויסע _____
11. נאך אביסל קומט משיח, אלע וועלן _____ _____
13. _____ זיך אויף, הויב אן פון פריש ניצן די עצות פון רבי׳ן בפרט די עצה פון תפלה והתבודדות
14. נעמט אריין אין זיך די ווערטער ״קיינער קומט מיר גארנישט״; וואס איר באקומט, איז א _____
15. לערנען _____ וועט דיר העלפן בייקומען די שווערע ביטערע נסיונות
16. האלט נישט דעם טעלעפאן ביים _____
17. בייגט איין אייער קליינע _____ צום אייבערשטן, וועט אייך אלעס גוט ווערן

## פון אויבן אראפ.

1. שטארקע נערוון און שטארקע מח באקומט מען דורך _____
2. בעט דעם אייבערשטן פאר _____ _____, דאס איז נישט א זאך וואס מען באקומט פון זיך אליינס
4. האבן א שיינע הויז איז נישט קיין סתירה מיט _____
5. דורך _____ _____ גייט מען ארויס פון אלע פראבלעמען
6. אז עס איז דא א וועג אריין און א _____, איז אויך דא א וועג ארויס
10. נישטא קיין גרעסערע און הייליגערע זאך ביים אייבערשטן ווי _____ אידישע קינדער צום אייבערשטן
12. ווען דו ברענגסט אריין דעם יום טוב פסח, זאל דאס זיין מיט _____



ברסלב
שטיצט ברסלב

# קלאסיפיידס

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

---

**HURLEYVILLE**
LEASING
AUTO SALES & LEASING



- Luxury all inclusive Auto Broker
- Prices reduced below dealer invoiced rates
- Free expedited pickup and delivery nationwide
- Specializing in hard-to-locate cars
- Lowest rate insurance services included
- Most competitive prices with no hidden fees!

845-720-0041 | www.hurleyvilleleasing.com
Sales@hurleyvilleleasing.com

---

32GB Micro SD $7
64GB Micro SD $9
32GB Usb $6
64GB Usd $7
Free delivery NY and NJ over $35
רופט משה ארי' שניטצלער
347-675-8187

---

## קרית ברסלב שריפת חלה

האט איר חלה צו פארברענען?

רופט אריין ווי אמשנעלסטן

בהכשר הדומ"ץ שליט"א

אליעזר שמן
917-202-1206

---

## SPIFF CUTS

Haircuts for girls
Amazing prices on wash and sets
Call now to book your appointment

Libby Einhorn
929-214-9346

---

## Catskil Professional Plaza

עס איז יעצט געווארן אוועליבעל אפאר אפיסעס, אינעם הערליכן אפיס בילדינג אין סענטער פון שטעטל, רופט ווילאנג עס איז נאך אוועליבעל.

אברהם אלי' פרידריך
646-938-2503

---

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

# קלאסיפייד'ס

ברסלב
שטיצט ברסלב




## KB Shuttle

Shuttle hours pick ups

10:00,10:45,11:30,12:15,1:00,1:45,2:30

Starting this week order the shuttle by texting our NEW SHUTTLE line 845-206-9114 until 5 minutes before the route
Text your pick up address, drop off location and desired route
If you are planning a group trip out of shtetl or .cheider call the manager to schedule
845-720-0847
Text manager to sign up to the shuttle group for .more updates and important information
THE SHUTTLE WILL SOON BE CLEAN FOR PESACH. PLEASE DO NOT BRING ANY MORE CHOMETZ ON THE SHUTTLE

A kusheren freilichen Pesach

## כל דכפין ייתי וייכול

ווילט איר דאס מקיים זיין מיט אלע הידורים? רופט אונז אן און דאס וועט ווערן פארטיילט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א פאר משפחות אויף יום טוב

רופט אלחנן רוטה
**347–633–4495**

## ComfortZone

All day headgear. All night sleepwear.

Fully stocked with a huge selection of spring 22 headgear
We also carry ladies and teen nightgowns
located in 1 Gafen Ln Kiamesha Lake, NY 12751
right side entrance
Pre-yom tov hours 8:30 - 10:00 pm
845-397-7619

## ווערט געזוכט

**עס ווערט געזוכט**
**א טויגליכער אינגערמאן**
**צו זיין א 'מענידזשער' אין א**
**גרויסע היימישע קאלאני אין**
**מאנטיסעלא**
**פאר גוט באצאלט.**

פאראינטערעסירטע ביטע רופן
**917-440-8180**

# בילדער
## אפטיילונג






תלמוד תורה קרית ברסלב כיתה ה' ביים ציון פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע אין קרית יואל - ה' שמיני תשפ"ב



די קינדער מיטן מלמד בעטן דעם אייבערשטן ביים ציון אויף די אייגענע שפראך, פאר זיך און פאר כלל ישראל



דערנאך זענען די קינדער געגאנגען צו א פארק צוליב וואס זיי האבן זיך אויסגעצייכנט מיט די לימודים



אויך האט מען באזוכט תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל, און געגעסן דארט א פיינעם לאנטש



דער ראש ישיבה באזוכט תלמוד תורה קרית ברסלב כיתה ב' - ד' תזריע



דער ראש ישיבה באזוכט תלמוד תורה קרית ברסלב כיתה ה' - ד' תזריע



דער ראש ישיבה שרייבט א בריוו פאר די מצה בעקעריי אין
תלמוד תורה קרית ברסלב - ד' תזריע



דער ראש ישיבה כאפט א שמועס מיט די קינדער



באזוכט אינעם קאך פונעם תלמוד תורה קרית ברסלב



די קינדער גייען אדורך געבן שלום פאר'ן ראש ישיבה



באזוכט אינעם מצה בעקעריי - ד' תזריע



באטראכט די מצות וואס איז נארוואס ארויס פון אויוון



דער ראש ישיבה גייט אדורך וויכטיגע פונקטן מיט'ן מנהל
בית האופה מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו



חשובע דיינים שליט"א באוואונדערן די מהודר'דיגע מצות